# לב שומע

תמצית שיעורים אויף די פרשה

פון הרה"ג רבי **שמעיה לעוו** שליט"א

דומ"ץ דקהל יטב לב ד'סאטמאר

אידיש

## פרשת שמיני

לעילוי נשמת

הרה"ח מקים עולה של תורה

ר' ישעי' זאב בן הרה"ח ישראל ישכר זלה"ה

ראש הקהל דקהל יטב לב סאטמאר - לאנדאן

ניתן לשמוע השיעורים ב'קול הלשון'
020 81917000
[ex3,1.11.1]

'שגיאות מי יבין' - אי אפשר לבר בלא תבן
בבקשה, המוצא שגיאה כלשהוא יואיל להודיע
למו"ל למען יתוקן אי"ה

להערות והארות ולקבלת הגליון יש לשלוח לאימעל
levshomeya@gmail.com

סדר ועימוד:
**א. י. גרינוואלד** 054-8494370 (972)

ניקוד: **ישראל פויגל** 054-8435096 (972)

# תוכן הענינים

## זְהִירוּת אִין מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת


וְהִתְקַדִּשְׁתֶּם וִהְיִיתֶם קְדוֹשִׁים........................ה
וְנִטְמֵתֶם בָּם........................ו
וְתוֹרָתְךָ בְּתוֹךְ מֵעָי........................ז
מֶען קֶען זִיךְ טוּישְׁן אִין אֵיין רֶגַע........................ח
אַ סָפֵק כַּשְׁרוּת........................ט
עֶסְן פַאר קִינְדֶער........................י
דֶער שְׁלִיסְל צוּ גוּטֶע קִינְדֶער........................יא
דֶער שְׂכַר פוּן הִיטְן כַּשְׁרוּת........................יב


## עֲבוֹדַת יְמֵי הַסְּפִירָה - א'


דִי הַשְׁפָּעוֹת פוּן פֶּסַח........................יג
עַד שֶׁתֶּחְפָּץ - וָואס אִיז דִי חֵפֶץ?........................יד
צֵיילְן סְפִירָה - הֲכָנָה פַאר קַבָּלַת הַתּוֹרָה........................יד
יְמֵי הַסְּפִירָה - חוֹל הַמּוֹעֵד........................טו

# פָּרָשַׁת שְׁמִינִי

## זְהִירוּת אִין מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת

☆ וְהִתְקַדִּשְׁתֶּם וִהְיִיתֶם קְדוֹשִׁים ☆ וְנִטְמֵתֶם בָּם ☆ וְתוֹרָתְךָ בְּתוֹךְ מֵעַי ☆ מֶען קֶען זִיךְ טוֹישְׁן אִין אֵיין רֶגַע ☆ אַ סָפֵק כַּשְׁרוּת ☆ עֶסְן פַאר קִינְדֶער ☆ דֶער שְׁלִיסְל צוּ גוּטֶע קִינְדֶער ☆ דֶער שְׂכַר פוּן הִיטְן כַּשְׁרוּת

**וְהִתְקַדִּשְׁתֶּם וִהְיִיתֶם קְדוֹשִׁים**

**מִיר** לֶערְנֶען דִי וָואךְ אִין דִי פָּרָשָׁה אִיבֶּער דִי אִיסוּר פוּן עֶסְן נִישְׁט כָּשֵׁר'ע עֶסְן. דִי תּוֹרָה עֶנְדִיגְט צוּ דִי פָּרָשָׁה (יא מג – מד) **אַל תְּשַׁקְּצוּ אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם בְּכָל הַשֶּׁרֶץ הַשֹּׁרֵץ וְלֹא תִטַּמְּאוּ בָּהֶם וְנִטְמֵתֶם בָּם. כִּי אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם וְהִתְקַדִּשְׁתֶּם וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים כִּי קָדוֹשׁ אָנִי.** זָאלְסְט נִישְׁט פַארֶעקְלְן דַיין זֶעל מִיט טָמֵא'נֶע שְׁרָצִים, אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט מְטַמֵּא זַיין מִיט נִישְׁט כָּשֵׁר'ע עֶסְן, ווײַבַּאלְד אִיךְ בִּין עֶנְקֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן זָאלְסְט זַיין הֵיילִיג, ווײַל דֶער הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶּער אִיז הֵיילִיג.

**וָואס** הָאבְּן דִי צְווֵיי פְּסוּקִים אַ שַׁיָּכוּת אַז עֶס שְׁטֵייט אֵיינְס נֶעבְּן דֶעם אַנְדֶערְן, וָואס אִיז דֶער הֶמְשֵׁךְ? לִכְאוֹרָה אִיז דָאס צְווֵיי בַּאזוּנְדֶערֶע זַאכְן, מֶען טָאר נִישְׁט מְטַמֵּא זַיין דִי זֶעל אוּן נִישְׁט עֶסְן קֵיין אוּמְ-כָּשֵׁר'ע עֶסְן, אוּן נָאךְ אַ זַאךְ אַז אוּנְז דַארְפְן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן השי"ת אוּן זַיין הֵיילִיג, ווײַל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז הֵיילִיג, פַארְוָואס הָאט דִי תּוֹרָה דָאס צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אֵיין זַאךְ?

**מֶען** זֶעט ווײַטֶער אִין דִי תּוֹרָה, **כִּי אֲנִי ה' הַמַּעֲלֶה אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם, וְגוֹ' כִּי קָדוֹשׁ אָנִי,** דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר דִי אִידְן "אִיךְ הָאבּ עֶנְק אַרוֹיפְגֶעבְּרֶענְגְט פוּן דִי טָמֵא'נֶע לַאנְד מִצְרַיִם, זַייטְס הֵיילִיג, ווײַבַּאלְד אִיךְ בִּין הֵיילִיג". רַשִׁ"י בְּרֶענְגְט פוּן חֲזַ"ל (בבא מציעא סא:) **אִלְמָלֵי לֹא הֶעֱלֵיתִי אֶת יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרַיִם אֶלָּא בִּשְׁבִיל שֶׁאֵין מְטַמְּאִין בִּשְׁרָצִים כִּשְׁאָר אֻמּוֹת דַּיָּם.** אוֹיף דֶעם אַלֵיין אַז דִי אִידְן זָאלְן זִיךְ נִישְׁט מְטַמֵּא זַיין צוּ קֵיין שְׁרָצִים, דָאס אַלֵיין אִיז גֶעוֶוען גֶענוּג חָשׁוּב פַארְן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אוּנְז אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן מִצְרַיִם, אוּן דִי תּוֹרָה פִּירְט אוֹיס **וִהְיִיתֶם קְדוֹשִׁים,** זַייטְס הֵיילִיג, ווײַל אִיךְ הָאבּ עֶנְק אָפְּגֶעטֵיילְט פוּן דִי מִצְרִים, אוּנְז זֶענֶען אַנְדֶערְשׁ ווִי דִי גוֹי'אִישֶׁע פֶעלְקֶער, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם אוּן אוּנְז אוֹיסְגֶעוֶועלְט פַאר אַ צִיל מִיט אַ תַּכְלִית, וְרוֹמַמְתָּנוּ מִכָּל הַלְּשׁוֹנוֹת וְקִדַּשְׁתָּנוּ בְּמִצְוֹתָיו,

עֶר הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען כְּדֵי אוּנְז זָאלְן זַיין הֵיילִיג.

**מִיר** זֶעעְן דֶערְפוּן אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען הִיט זִיךְ אָפּ פוּן מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת וֶוערְט מֶען הֵיילִיג, אוּן טָאמֶער חָלִילָה מֶען עֶסְט נִישְׁט כָּשֵׁר'ע עֶסְנְוַוארג וֶוערְט מֶען טָמֵא, לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס הָאט עֶסְן שְׁרָצִים אוּן טָמֵא'נֶע עֶסְן אַ שַׁיָּכוּת מִיט זַיין הֵיילִיג, מִיט וָואס פַארְבִּינְדְט זִיךְ דִי צְוֵויי זַאכְן צוּזַאמֶען.

**דֶער** סְפוֹרְנוֹ זָאגְט אַז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען וֶוערְט הֵיילִיג, אַנֶערְקֶענֶען דִי וֶועגְן פוּן בּוֹרֵא עוֹלָם, אוּן גֵיין אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע וֶועגְן, אִיז מֶען מַשִּׂיג דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען הִיט זִיךְ אָפּ פוּן עֶסְן מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל (יומא לט.) דַרְשְׁ'נֶען דִי פָּסוּק (שם) וְהִתְקַדִּשְׁתֶּם וִהְיִיתֶם קְדוֹשִׁים, **אָדָם מְקַדֵּשׁ עַצְמוֹ מְעַט, מְקַדְּשִׁין אוֹתוֹ הַרְבֵּה,** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מְקַדֵּשׁ אַבִּיסְל, הֶעלְפְט מֶען אִים אַרוֹיס פוּן אוֹיבְן, אוּן מֶען הֵיילִיגְט אִים אַסַאךְ מֶער. דָאס הֵייסְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט אוּן עֶר הִיט זִיךְ אָפּ פוּן מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת, בְּלָאזְט דֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן אוֹיבְן אַרַיין אִין דֶער מֶענְטְשׁ פִּיל מֶער קְדֻשָּׁה, אַז מֶען וֶוערְט אַזוֹי הֵיילִיג אוּן דֶערְהוֹיבְן.

**פוּן** דֶעם סְפוֹרְנוֹ זֶעט מֶען גָאר אַ שְׁטַארְקֶער עִנְיָן, נִישְׁט נָאר אַז מִיר זֶענֶען אַ הֵיילִיג פָאלְק, אוּן דֶערִיבֶּער טָארְן מִיר זִיךְ נִישְׁט שְׁמוּצִיג מַאכְן מִיט מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת, נָאר מִיר וֶוערְן גָאר הֵיילִיג דוּרְכְדֶעם וָואס מִיר עֶסְן נִישְׁט קֵיין מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת, דָאס אִיז דֶער מִיטְל וִוי אַזוֹי צוּ וֶוערְן הֵיילִיג.

**לִכְאוֹרָה** דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס לִיגְט אִין מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת מֶער וִוי אַנְדֶערֶע אִסּוּרִים אִין דִי תּוֹרָה, אַז אִין דֶעם וֶוענְדְט זִיךְ דִי קְדֻשָּׁה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס אִיז וָואס הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט אוֹיס דִי זֶעל.

## וְנִטְמֵתֶם בָּם

**כְּדֵי** צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי עִנְיָן, וֶועלְן מִיר עֶרְשְׁט אָפְּלֶערְנֶען דִי גְמָרָא (יומא לט:) אוּן זֶען וִוי חֲזַ"ל דַרְשְׁ'נֶען אַרוֹיס פוּן דִי פָּסוּק (שם) וָואס אַן אַפֶּעקְט אַן עֲבֵירָה הָאט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ. דִי גְמָרָא זָאגְט **אַל תִּקְרֵי וְנִטְמֵאתֶם אֶלָּא וְנִטַמְתֶּם,** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז לֵיידֶער עוֹבֵר אַן עֲבֵירָה פַארְשְׁטָאפְּט דִי עֲבֵירָה דִי הָארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, ווייל עֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי אֱמֶתְ'ע דַעַת אוּן שֵׂכֶל וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (משלי ב ו) **כִּי ה' יִתֵּן חָכְמָה,** דַעַת קוּמְט פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, עֶס אִיז אַ מַתָּנָה וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער לֵייגְט אַרַיין בַּיי זַיינֶע קִינְדֶער אִין הָארְץ, אָבֶּער טָאמֶער מֶען זִינְדִיגְט, וֶוערְט דִי הָארְץ פַארְשְׁטָאפְּט, אוּן דִי הֵיילִיגֶע דַעַת וֶוערְט פַארְלוֹירְן, אוּן אַנְשְׁטָאט דֶעם פִּילְט זִיךְ דֶעם קָאפּ אָן מִיט נִישְׁט קֵיין גוּטֶע זַאכְן.

**דָאס** אִיז אִין אַלְגֶעמֵיין בַּיי יֶעדֶער עֲבֵירָה, אָבֶּער בַּיי מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת אִיז דָאס פִילְפַאכִיג מֶער, וִוייבַּאלְד דִי עֶסְן גֵייט אַרַיין אִין דִי גוּף פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס הָאט אַסַאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע הַשְׁפָּעָה אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועזְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וִוי דֶער מְסִלַּת יְשָׁרִים (פרק יא) שְׁרֵייבְּט **מַאֲכָלוֹת הָאֲסוּרוֹת יְתֵרוֹת בָּזֶה עַל כָּל הָאִסּוּרִין, כֵּיוָן שֶׁהֵם נִכְנָסִין בְּגוּפוֹ שֶׁל הָאָדָם מַמָּשׁ וְנַעֲשִׂים בָּשָׂר מִבְּשָׂרוֹ.**

**דֶער** רַמְבַּ"ן (אגרת הקודש סימן ד) עֶרְקְלֶערְט דָאס טִיפֶער, וֶוען עֶס קוּמְט אַרַיין עֶסְן אִין דִי גוּף פוּנֶם מֶענְטְש, ווערְט דִי עֶסְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ בְּלוּט, אוּן דִי בְּלוּט שְׁפִּילְט אָפּ דֶער מֶענְטְש לוֹיט וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעסְן, אוֹיבּ דִי עֶסְן אִיז שְׁוֶוער אוּן דִיקְלֶעךְ, וֶוערְט דִי בְּלוּט אוֹיךְ שְׁוֶוער, אוּן אוֹיבּ דִי עֶסְן אִיז לוֹיטֶער וֶוערְט דִי בְּלוּט אוֹיךְ זַיין וִוי דִי עֶסְן, דִי בְּלוּט ווֶענְדְט זִיךְ וִוי אַזוֹי מֶען פִיטֶערְט אִים, **לְפִיכָךְ הִבְדִּילָנוּ ה' יִתְבָּרַךְ בְּתוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה מִכַּמָּה מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת שֶׁאָסַר אוֹתָם עָלֵינוּ**, דֶעריבֶּער הָאט דִי תּוֹרָה אוּנְז פַארְבָּאטְן צוּ עֶסְן פַארְשִׁידֶענֶע מַאֲכָלִים, ווייל דִי אוֹיסְגַאנְג פוּן דִי עֶסְן אִיז נִישְׁט גוּט פַאר דֶעם מֶענְטְש, אוּן דֶער רַמְבַּ"ן רֶעכְנְט אוֹיס אַ לִיסְטֶע וָואס יֶעדֶער נִישְׁט כָּשֵׁר'ע מַאֲכָל טוּט אַפֶּעקְטִירְן דֶעם גוּף, אוּן דֶער רַמְבַּ"ן עֶנְדִיגְט צוּ **סוֹף דָּבָר, עַל כֻּלָּם אָמַר** (שם) **'אַל תְּשַׁקְּצוּ אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם' הֲרֵי הוֹדִיעַ כִּי כָּל אֵלּוּ הַדְּבָרִים נִתְעָבִים וְנִמְאָסִים וְעוֹשִׂין דָּם רַע מוּכָן לְכַמָּה פֻּרְעָנֻיּוֹת.** דִי אַלֶע עֶסְן וָואס דִי תּוֹרָה הָאט אוּנְז פַארְבָּאטְן צוּ עֶסְן, דָאס אִיז צוּלִיבּ דֶעם וָואס דִי מַאֲכָלִים וֶוערְן צוּ נִישְׁט גוּטֶע בְּלוּט, וָואס קוּמְט אַרוֹיס שְׁלֶעכְטְס דֶערְפוּן.

**מֶען** זֶעט דֶערְפוּן דֶער הַארְבְּקֵייט פוּן עֶסְן מַאֲכָלִים אֲסוּרִים, עֶס אִיז נִישְׁט סְתַּם אַן עֲבֵירָה וָואס דִי הַארְץ וֶוערְט דֶערְפוּן פַארְשְׁמִירְט, נָאר דִי גַאנְצֶע גוּף טוֹישְׁט זִיךְ צוּ אַן אַנְדֶערֶע סָארְט מֶענְטְש, דִי מַאֲכָלִים מַאכְן דִי מֶענְטְש זָאל זִיךְ אַנְדֶערְשׁ אוֹיפְפִירְן, עֶס גֵייט אַרַיין טִיף אִין דִי קֶערְפֶּער אוּן עֶס אִיז מַשְׁפִּיעַ אוֹיף דִי גַאנְצֶע הָלוֹךְ יֵלֵךְ.

**מִיט** דֶעם פַארְשְׁטֵייט מֶען אוֹיךְ דֶער שַׁיָּכוּת צְווִישְׁן דִי צְוֵויי פְּסוּקִים אִין דִי תּוֹרָה, אַז מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת, אוּן בַּאלְד דֶערְנָאךְ שְׁטֵייט אַז מֶען דַארְף זַיין הֵיילִיג אוּן גֵיין דֶער בַּאשֶׁעפֶער'ס וֶועגְן, דִי צְוֵויי זַאכְן זֶענֶען גֶעבִּינְדֶען אֵיינְס מִיטְן אַנְדֶערֶע, וֶוען אַ מֶענְטְש עֶסְט לֵיידֶער נִישְׁט קֵיין כָּשֵׁר'ע עֶסְן, פַארְשְׁטָאפְּט עֶר דֶערְמִיט זַיין הַארְץ, אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט הֵיילִיגְן, עֶר אִיז אֵיינְגֶעצוֹימְט אִין זַיין מַצָּב, דִי נִישְׁט גוּטֶע בְּלוּט אִיז מַשְׁפִּיעַ אוֹיף זַיין גוּף אוּן עֶס לָאזְט אִים זִיךְ נִישְׁט הֵיילִיגְן, דֶערְפַאר זָאגְט דִי תּוֹרָה, אִיךְ הָאבּ עֶנְק אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט פוּן מִצְרַיִם אוּן עֶנְק גֶעהֵיילִיגְט, אוּן אִיךְ וִויל אַז עֶנְק זָאלְן וַוייטֶער זַיין הֵיילִיג, מִמֵּילָא עֶסְט נִישְׁט קֵיין נִישְׁט כָּשֵׁר'ע עֶסְן, ווייל דָאס גֵייט שְׁטֶערְן צוּ זִיךְ הֵיילִיגְן.

## וְתוֹרָתְךָ בְּתוֹךְ מֵעָי

**דֶער** אוֹר הַחַיִּים הַק' (יח ב) בְּרֶענְגְט בְּשֵׁם דֶער אֲרִיזַ"ל (שער הגלגולים יט) אַז צוּמָאל זֶעט מֶען וִוי אַ מֶענְטְש טוֹישְׁט זִיךְ פוּן זַיין גוּטֶע רִיכְטוּנְג צוּ נִישְׁט קֵיין גוּטֶע וֶועג, אוּן מֶען וואוּנְדֶערְט זִיךְ פַארְוָואס בֵּייט זִיךְ דֶער מֶענְטְש, וָואס אִיז דֶער גּוֹרֵם וָואס הָאט צוּגֶעבְּרֶענְגְט אַז עֶר מֶענְטְש זָאל נָאכְלָאזְן פוּן זַיין גוּטֶע מִדּוֹת, זָאגְט דֶער אֲרִיזַ"ל אַז דָאס קוּמְט פוּן עֶסְן מַאֲכָלִים וָואס הָאבְּן אִין זִיךְ שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים, אוּן וֶוען דִי עֶסְן גֵייט אַרַיין אִין דִי גוּף פוּנֶעם מֶענְטְש, טוּט דָאס אוֹיטָאמַטִישׁ אִיבֶּערְדְרֵייעְן דֶער מֶענְטְש צוּ פוּן גוּט צוּ שְׁלֶעכְט, דֶעריבֶּער – פִּירְט דֶער אוֹר הַחַיִּים הַק' – דַארְף יֶעדֶער אֵיינֶער זַיין שְׁטַארְק גֶעוָואוֹרְנְט וָואס מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין מוֹיל,

וַוייל אֵיינְמָאל עֶס גֵייט אַרֵיין אִינֶעם קֶערְפֶּער אִיז דָאס גְלֵייךְ מַשְׁפִּיעַ אוֹיפְן מֶענְטְשׁ.

**עֶר** טַיְיטְשְׁ מִיט דֶעם דִי פָּסוּק (תהלים מ ט) **לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ אֱלֹקַי חָפָצְתִּי,** וָוען מֶען ווִיל דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער **וְתוֹרָתְךָ בְּתוֹךְ מֵעָי,** דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס מֶען לֵייגְט אַרֵיין אִין מוֹיל, מֶען זָאל נָאר עֶסְן דָאס וָואס דִי תּוֹרָה לָאזְט.

**דֶער** זֶעלְבֶּע גֶעדַאנְק שְׁטֵייט אִין סֵפֶר אַגְרָא דְפִרְקָא (אות קכו) עֶר בְּרֶענְגְט פוּן הרה"ק רַבִּי מֶענְדֶעלֶע מֵרִימְנוֹב זי"ע אַז צוּמָאל זֶעט מֶען וִוי קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי וואוֹיל, זֵיי לֶערְנֶען פְלֵייסִיג, אוּן דַאוֶוענֶען עֶרְלִיךְ אוּן זָאגְן הוֹיעֶךְ אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא, אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעטֶע מִדּוֹת. אוּן שְׁפֶּעטֶער וָוען זֵיי וֶוערְן עֶלְטֶער בֵּייטְן זֵיי זִיךְ, אוּן זֵיי בַּאקוּמֶען שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אוּן לֶערְנֶען מֶער נִישְׁט, אוּן דַאוֶוענֶען נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וִוי שְׁטִימְט דָאס מִיט מִצְוָה גּוֹרֶרֶת מִצְוָה, פַארְוָואס זָאל אַ קִינְד וֶועלְן אָפְּלָאזְן זַיין גוּטֶע וֶועג, אוּן זִיךְ טוֹישְׁן צוּ אַ פַאלְשֶׁע וֶועג.

**זָאגְט** רַבִּי מֶענְדֶעלֶע אַז דָאס קוּמְט צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵייעֶר עֶלְטֶערְן הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעגֶעסְן מִיט עֶסְן וָואס זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען דוּרְךְ גְּנֵבָה, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאנְדְלְט עֶרְלִיךְ, אוּן מִיט דִי גֶעלְט הָאבְּן זֵיי גֶעקוֹיפְט עֶסְן צוּ שְׁפֵּייזְן זֵייעֶר קִינְדֶער, אוּן דִי עֶסְן גֵייט אַרֵיין אִין דִי גּוּפִים פוּן דִי קִינְדֶער אוּן דָאס טוֹישְׁט זֵייעֶרֶע וֶועזְן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט צוּ נָאכְלוֹיפְן שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת אוּן נִישְׁט גוּטֶע מִדּוֹת.

### מֶען קֶען זִיךְ טוֹישְׁן אִין אֵיין רֶגַע

**ווִילַאנְג** גֶעדוֹיעֶרְט פוּן וָוען דִי עֶסְן גֵייט אַרֵיין אִינֶעם קֶערְפֶּער, בִּיז עֶס וֶוערְט בְּלוּט? גֶעצֵיילְטֶע מִינוּטְן! קוּמְט אוֹיס אַז אַ וואוֹילֶע עֶרְלִיכֶער אָפְּגֶעהִיטֶענֶע אִיד, עֶסְט לֵיידֶער אַ מַאֲכָל וָואס אִיז נִישְׁט כָּשֵׁר, גֶעדוֹיעֶרְט נִישְׁט מֶער וִוי אֵיינְצֶעלֶע מִינוּטְן, אַז דִי עֶסְן זָאל וִוירְקְן אוֹיף זַיין אוֹיפְפִירוּנְג, דִי עֶסְן וֶוערְט בְּלוּט, אוּן דִי בְּלוּט אִיז גְלֵייךְ מַשְׁפִּיעַ, אוּן אֵיין רֶגַע קֶען עֶס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי מַהוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ עֶקְסְטֶער אָפְּהִיטְן וָוען עֶס קוּמְט צוּ עֶסְן אֲפִילוּ עֶפֶּעס וָואס אִיז נָאר אַ חֲשַׁשׁ אִסוּר, וַוייל דִי תּוֹצָאוֹת דֶערְפוּן קוּמֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל.

**דֶער** עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם (סוף פרשה) בְּרֶענְגְט שְׁטַארְק אַרוֹיס דֶער נְקוּדָה, עֶר בְּרֶענְגְט בְּשֵׁם אֲרִיזַ"ל אַז יוֹחָנָן כֹּהֵן גָּדוֹל, אִיז גֶעוָוארְן פוּן אַ כֹּהֵן גָּדוֹל צוּ אַ צְדוֹקִי פוּן אֵיין רֶגַע צוּם אַנְדֶערֶע, דוּרְךְ אַרֵיינְנֶעמֶען אִין מוֹיל אַ מַאֲכָל אִסוּר, אוּן דָאס הָאט אִים גְלֵייךְ גֶעטוֹישְׁט מִן הַקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה, **וְכֵן כָּל עִנְיָנִים אֵלּוּ תָּלוּי רַק בְּרֶגַע אֶחָד, דִּבְרֶגַע אֶחָד יוּכַל לְהִתְהַפֵּךְ מִן הַקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה.** עֶר שְׁרֵייבְּט אַ פַּחַד'יגֶע לָשׁוֹן "מִיט אֵיין קְלֵיינֶע שֶׁרֶץ'ל, קֶען מֶען אָנְקוּמֶען גְלֵייךְ צוּם שְׁאוֹל תַּחְתִּית חַס וְשָׁלוֹם".

**מִיט** דֶעם טַיְיטְשְׁ עֶר זֵייעֶר שֵׁיין דִי שַׁיָּכוּת צְווִישְׁן דִי פְּסוּקִים, בַּאלְד נָאכְדֶעם וָואס דִי תּוֹרָה שְׁרֵייבְּט דִי אִסוּר צוּ עֶסְן שְׁרָצִים, זָאגְט דִי תּוֹרָה **אֲנִי ה' הַמַּעֲלֶה אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם,** אִיךְ הָאבּ עֶנְק אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט פוּן דִי לַאנְד מִצְרַיִם, פּוּנְקְט וִוי יְצִיאַת מִצְרַיִם אִיז גֶעוֶוען פוּן אֵיין רֶגַע צוּם צְווֵייטְן, וְלֹא יָכְלוּ לְהִתְמַהְמֵהַּ, מֶען הָאט

זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט פַּארְזוֹימֶען אֲפִילוּ פַּאר אֵיין רֶגַע, דֶער זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז בַּיי מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת, וֶוען מֶען עֶסְט אֵיין מַאֲכָל אִסוּר, קֶען מֶען אִין אֵיין רֶגַע וֶוערְן אִינְגַאנְצֶען גֶעטוֹישְׁט ה"י.

**מִיט** גֶעפִינֶען אַ שַׁארְפֶער לָשׁוֹן אִין מָאוֹר וָשֶׁמֶשׁ (ד"ה והנה ידוע) עֶר שְׁרֵייבְּט **הַמְטַמֵּא עַצְמוֹ בְּמַאֲכָלִים אֲסוּרִים**, וֶוער עֶס אִיז זִיךְ מְטַמֵּא מִיט מַאֲכָלִים אֲסוּרִים, **הוּא מַמְשִׁיךְ עָלָיו כֹּחַ הַטֻּמְאָה**, בְּרֶענְגְט עֶר אוֹיף זִיךְ אַ כֹּחַ הַטֻּמְאָה, **עַד שֶׁכִּמְעַט אֵין יְכֹלֶת לְשֹׁרֶשׁ נִשְׁמָתוֹ לְהָסִיר הַמָּסַכִים שֶׁמּוֹסִיף בְּמַאֲכָלִים הָאֲסוּרִים הָהֵם**, בִּיז עֶס אִיז כִּמְעַט אוּמְמֶעגְלִיךְ צוּ קֶענֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי טֻמְאָה, אוּן אָפְּטוּן פוּן זִיךְ דִי טָמֵא'נֶע מַאסְקֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעלֵייגְט אוֹיף דִיךְ דוּרְךְ דִי מַאֲכָלִים אֲסוּרִים. עֶר שְׁרֵייבְּט וַוייטֶער אַז עֶס נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הַשָּׂגַת אִין תּוֹרָה, נָאר אוֹיב מֶען גֶענְצְלִיךְ אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת. אוֹיף אַזוֹי וַוייט קֶען דִי כֹּחַ הַטֻּמְאָה לֵיידֶער מַשְׁפִּיעַ זַיין.

## אַ סָפֵק כַּשְׁרוּת

**מִיר** זֶעעֶן דֶערְפוּן וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף נִזְהָר זַיין וֶוען עֶס קוּמְט צוּ מַאֲכָלִים אֲסוּרִים, וֶוען אִימֶער מֶען הָאט נָאר אַ סָפֵק כַּשְׁרוּת אִיבֶּער אַ גֶעוִויסֶע מַאֲכָל, אִיז אֵייבִּיג כְּדַאי צוּ מַחְמִיר זַיין, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט וִויסְן דִי תּוֹצָאוֹת וָואס עֶס גֵייט בְּרֶענְגֶען, אֲפִילוּ עֶס קָאסְט אַמָאל אַבִּיסְל טֵייעֶרֶע, אִיז עֶנְדֶערְשׁ וֶוערְד זִיךְ צוּ לָאזְן קָאסְטְן אַבִּיסֶעלֶע מֶער גֶעלְט, וִוי אֵיידֶער לֵיידְן פוּן דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע קָאסְטְן.[א]

**דֶער** אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ (ד"ה ולא תשקצו) שְׁרֵייבְּט אַז בַּיי מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת אִיז נִישְׁטָא קֵיין תֵּרוּץ אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען בְּשׁוֹגֵג, וַוייל דִי עֶסְן אִיז מַשְׁפִּיעַ אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אֲפִילוּ אוֹיב עֶר וַוייסְט נִישְׁט אַז עֶר הָאט גֶעגֶעסְן נִישְׁט כָּשֵׁר'עֶ עֶסְן, **וְצָרִיךְ הָאָדָם**

---

**א.** דער בארדיטשובער זי"ע איז אמאל אנגעקומען אין א שטאט, ער איז אריין צום קצב כדי צו צוזען פונדערנאנט וואס דער קצב טוט. ווי נאר דער קצב האט געזען אזא שיינע הדרת פנים און א הייליגע געשטאלט, האט ער געפרעגט דער בארדיטשובער רב זי"ע אויב ער איז א שוחט? ווייל ער נויטיגט זיך אצינד א שוחט, ער האט מסביר געווען "וויבאלד דער געוועגליכע שוחט וואוינט אביסל ווייט, און עס גייט געדויערן עטליכע שעה ביז ער קומט אהער, און איך דארף שוין יעצט דער פלייש, ממילא שחט מיר דער בהמה". דער בארדיטשובער זי"ע האט געענטפערט "יא איך בין מסכים, אבער ערשט דארף איך וויכטיג צוואנציג רובל קענסט באשטיין מיך צו פארבארגן צוואנציג רובל?" האט דער קצב געענטפערט "ניין! איך קען דיך נישט, פון וואנט וויס איך אז דו גייסט מיך צוריק צאלן?" האט דער בארדיטשובער געזאגט "לייג צו דיין אויער צו דיינע רייד, דו קענסט מיך נישט, און דו ווילסט אז איך זאל שחט'ן, פון וואנט ווייסטו אויב איך קען בכלל שחט'ן, אפשר וויל איך פארדינען אפאר רובל, און איך זאג אז איך קען שחט'ן און איך גיי כשר'ן די בהמה אנע ויסן הלכות טריפות?!, דאס איז פיל מער הארבער ווי פארלירן צוואנציג רובל". דער קצב האט געכאפט וואס ער האט געטון, און ער האט זיך אונטער גענומען צו זיין פארזיכטיג און געבן צו עסן נאר כשר'ע עסן בתכלית ההידור.

**לִיזָּהֵר בְּתוֹסָפוֹת זְהִירוּת וּזְרִיזוּת בְּכָל דָּבָר אֲשֶׁר יִכָּנֵס בְּגֶדֶר סָפֵק שֶׁקּוּץ זֶה,** מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט, נִישְׁט אַרֵיינְצוּנֶעמֶען אִין מוֹיל עֶפֶּעס וָואס הָאט נָאר אֲפִלּוּ אַ סָפֵק אַז עֶס אִיז נִישְׁט כָּשֵׁר, וְשׁוֹמֵר נַפְשׁוֹ יִשְׁמֹר אֶת הַדָּבָר.[ב]

## עֶסְן פַאר קִינְדֶער

**דֶער** עִנְיָן זְהִירוּת אִין כַּשְׁרוּת מַאֲכָלִים, אִיז סְפֶּעצִיעֶל נוֹגֵעַ פַאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער, מֶען דַארְף זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין פוּן קִינְדְוֵוייז אָן צוּ עֶסְן בְּלוֹיז מַאֲכָלִים וָואס זֶענֶען גֶענְצְלִיךְ כָּשֵׁר אוּן אוֹיסְגֶעהַאלְטְן. אַזוֹי אוֹיךְ לִיגְט אַ חִיּוּב אוֹיפְן טַאטֶע צוּ זִיכֶער מַאכְן אַז עֶר פִּיטֶערְט זַיינֶע קִינְדֶער נָאר מִיט עֶסְן וָואס זֶענֶען אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אוּן זִיכֶער כָּשֵׁר.

**אֲפִלּוּ** ווען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ גָאר קְלֵיין, אוּן זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קֵיין חִיּוּב פוּן חִנּוּךְ, פָּארְט אִיז דֶער טַאטֶע מְחֻיָּב צוּ זִיכֶער מַאכְן אַז זַיינֶער קִינְדֶער נֶעמֶען נָאר אַרֵיין כָּשֵׁר'ע עֶסְנְוָוארְג אִין מוֹיל. ווייבַּאלְד ווען אַ קִינְד עֶסְט עֶפֶּעס וָואס אִיז נִישְׁט כָּשֵׁר, אִיז דָאס מַשְׁפִּיעַ אוֹיף אִים, אֲפִלּוּ עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט מְחֻיָּב בְּחִנּוּךְ, אָבֶּער דִי עֶסְנְוָוארְג גֵייט אַרֵיין אִינֶעם קֶערְפֶּער, אוּן דָאס קֶען צוּבְּרֶענְגֶען צוּ מְטַמֵּא זַיין דִי גוּף אוּן פַארְשְׁטָאפְּן דִי הַארְץ, אוּן שְׁפֶּעטֶער ווען דֶער קִינְד ווערט אוֹיפְוַואקְסְן, ווערט עֶר הָאבְּן אַ פַארְשְׁטָאפְּטֶע הַארְץ.

**אַזוֹי** ווערְט אוֹיךְ גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שַׁ"ךְ (יו"ד סימן פא סקכ"ו) **אַף עַל גַּב דְּקָטָן הָאוֹכֵל דְּבָרִים הָאֲסוּרִים מִדְּרַבָּנָן אֵין אָבִיו מְצֻוֶּה לְהַפְרִישׁוֹ וְכוּ', הַיְינָא מִדִּינָא, אֲבָל מִכָּל מָקוֹם יַפְרִישׁוֹ מִפְּנֵי שֶׁמַּזִּיק לוֹ בְּזִקְנָתוֹ שֶׁמְּטַמְטֵם הַלֵּב וְגוֹרֵם לוֹ טֶבַע רַע.** אֲפִלּוּ עֶס לִיגְט נִישְׁט אַ חִיּוּב מִדִּינָא אוֹיפְן טַאטֶע צוּ אָפְּהַאלְטְן דִי קִינְד צוּ עֶסְן נִישְׁט כָּשֵׁר'ע עֶסְן, דָאךְ דַארְף מֶען זֶען צוּ אָפְּהַאלְטְן דִי קִינְד פוּן מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת, ווייבַּאלְד עֶס אִיז מַזִּיק אוּן עֶס פַארְשְׁטָאפְּט דִי הַארְץ אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אִים צוּ שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן.

**אַזוֹי** פַּסְקְ'נְט אוֹיךְ דֶער פְּרִי חָדָשׁ (שם) עֶר שְׁרֵייבְּט אַז אֲפִלּוּ מִדִּינָא אִיז מֶען נִישְׁט מְחֻיָּב צוּ אָפְּהַאלְטְן דִי קִינְד, אָבֶּער קֵיינֶער וויל נִישְׁט אַז זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן שְׁפֶּעטֶער אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה.

**דֶער** חֲתַם סוֹפֵר (או"ח סימן שמג סעיף א, שו"ת או"ח סימן פג ד"ה מ"מ) שְׁרֵייבְּט, **הֵעִידוּ קַדְמוֹנֵינוּ שֶׁעַל יְדֵי מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת בְּנַעֲרוּת, מְטַמְטֵם הַלֵּב וּמוֹלִיד טֶבַע רַע,** דִי פְרִיעֶדִיגֶע הָאבְּן עֵדוּת גֶעזָאגְט, אַז ווען קִינְדֶער עֶסְן נִישְׁט כָּשֵׁר'ע עֶסְנְוָוארְג, טוּט דָאס פַארְשְׁטָאפְּן זֵייעֶר הַארְץ, אוּן זֵיי בַּאקוּמֶען שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן.[ג]

---

**ב.** לכאורה אויב מען האט געגעסן באונס א מאכל וואס איז נישט כשר, טוט דאס נישט פארשטאפן די הארץ, לויט ווי עס ווערט גע'פסק'נט להלכה אין פתחי תשובה (יו"ד סימן כט) ביי איינער וואס האט געגעסן א הינדל, און נאכדעם האט ער געטראפן אין די הינדל איינער פון די י"ח טריפות, דארף מען נישט קיין כפרה דערויף, וויבאלד ער הייסט אן אונס. ער ברענגט עטליכע ראיות דערצו, עיי"ש.

**ג.** עס איז באקאנט אז הרה"ק ר' זושא זי"ע פלעגט גיין אין גלות פון שטעטל צו שטעטל, צווישן די פלעצער וואו ער איז געווען, איז ער אנגעקומען צו א שטאט, וואס די קינדער

### דֶער שְׁלִיסְל צוּ גוּטֶע קִינְדֶער

**מִדָּה** טוֹבָה מְרֻבָּה, אוֹיבּ מֶען הִיט אָפּ דִי קִינְדֶער אוּן מֶען מַאכְט זִיכֶער אַז זֵיי עֶסְן נָאר כָּשֵׁר'ע עֶסְנְוַוארְג, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶער לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶערְלִיךְ, אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט אִין רַמְבַּ"ן (אגרת הקודש שם) **הִנְנִי מוֹסֵר בְּיָדְךָ מַפְתֵּחַ גָּדוֹל,** אִיךְ גֶעבּ דִיךְ אִיבֶּער אַ וִויכְטִיגֶע גְרוֹיסֶע שְׁלִיסְל צוּ קֶענֶען הָאבְּן עֶרְלִיכֶער קִינְדֶער, **שֶׁאִם יַבְדֵּל אָדָם מִן הַמַּאֲכָלוֹת הָרָעִים,** אוֹיבּ גֵייסְט צוּרִיק הַאלְטְן פוּן צוּ עֶסְן נִישְׁט כָּשֵׁר'ע עֶסְן, **הָוְיִין לוֹ בָּנִים הֲגוּנִים קְדוֹשִׁים וּטְהוֹרִים,** וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ לִיכְטִיגֶע עֶרְלִיכֶע רֵיינֶע אוּן הֵיילִיגֶע קִינְדֶער.

**דֶער** זֶעלְבֶּע זַאךְ שְׁרֵייבְּט דֶער חָפֵץ חַיִּים (דבר בעתו פרק ט) **אָבֶּער** עֶר לֵייגְט צוּ נָאךְ אַ בְּרָכָה, אַז דִי בְּרָכָה גֵייט וַוייטֶער אָנְגֵיין בֵּיי דִי קִינְדְ'ס קִינְדֶער, **זוֹכֶה לוֹ וּלְדוֹרוֹתָיו לְדוֹרֵי דוֹרוֹתָיו,** וְכוּ', **כְּשֶׁיָּבוֹא לְבֵיתוֹ וְיִשָּׂא אִשָּׁה, יִתְבָּרֵךְ מֵה' שֶׁיּוֹלִיד מִמֶּנָּה בָּנִים צַדִּיקִים יִרְאֵי אֱלוֹקִים גִּבּוֹרֵי כֹּחַ לַעֲמֹד בְּיִצְרָן,** אֲפִלּוּ אִין דִי שְׁפֶּעטֶער יָארְן וֶוען דֶער קִינְד גֵייט חֲתוּנָה הָאבְּן, גֵייט עֶר גֶעבּוֹירְן עֶרְלִיכֶער קִינְדֶער וָואס זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק אַקֶעגְן דִי יֵצֶר הָרַע.

**דֶער** כְּלִי יָקָר (דברים יב כה) טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דִי פָּסוּק (שם) **לֹא תֹּאכְלֶנּוּ לְמַעַן יִיטַב לְךָ וּלְבָנֶיךָ אַחֲרֶיךָ,** וְוִיבַּאלְד דִי עֶסְן וֶוערְט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ בְּלוּט, קוּמְט אוֹיס אַז דִי טֶבַע פוּן דֶער טַאטֶע גֵייט אַרִיבֶּער צוּ דִי קִינְדֶער, דֶערִיבֶּער זָאגְט דִי תּוֹרָה, לֹא תֹּאכַל עַל הַדָּם עֶס נִישְׁט קֵיין נִישְׁט כָּשֵׁר'ע עֶסְן, אַזוֹי וֶועט דֵיין בְּלוּט בְּלַייבְּן לוֹיטֶער אוּן רֵיין, יִיטַב לְךָ וּלְבָנֶיךָ אַחֲרֶיךָ, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ

---

האבן אים דארטן געטשעפט און חוזק געמאכט פון אים, ער איז געקומען אין בית המדרש דאווענען, און במשך דעם דאווענען האבן די קינדער זיך ליידער אונטערגעהאלטן אויף זיין חשבון. רבי זושא האט צוגערופן די קינדער, און געמאכט א רינג פון אלע קינדער ארום זיך, ער האט זיי געזאגט "ליבע קינדער קוקט אריין אין מיינע אויגן" די קינדער האבן געמיינט אז ער וויל מאכן עפעס א שפיל מיט זיי, אבער ער האט זיי גאנרישט געזאגט בלויז געהייסן אז זיי זאלן קוקן אויף זיינע אויגן, און דערנאך האט רבי זושא געזאגט פאר די קינדער אז זיי זאלן אהיימגיין.

ווען די קינדער זענען אהיימגעקומען, האבן זיי נישט געוואלט עסן, איינער האט געזאגט: ווי אזוי קען איך דאס עסן, די מילך איז 'חלב עכו"ם', אן אנדערע אינגל האט געזאגט: די פלייש איז נישט געהעריג געזאלצן, מען מעג דאס נישט עסן. אזוי אז רוב קינדער האבן נישט געגעסן יענע נאכט די נאכטמאל וואס זייער מאמע האט זיי אנגעגרייט. די שטאט איז געפארן אויף רעדער, ווי קען זיין אז פון איין מינוט צום צווייטן זענען אלע קינדער געווארן בעלי רוח הקודש, קיינער וויל נישט עסן. ביז מען האט מחליט געווען אז עס האט זיכער צוטון מיט די גאסט וואס איז געקומען אין שטעטל, זיי האבן פארשטאנען אז דאס איז א חשוב'ער גאסט, און מען דארף אים איבערבעטן, זיי זענען אריבער צו רבי זושא און אים איבערגעבעטן אויף דעם וואס זיי און די קינדער האבן חוזק געמאכט און געלאכט פון אים, אזוי האט דער רבי ר' זושא אנגעוואונט די איינוואוינער צו זיין נזהר אין כשרות, און אכטונג געבן וואס מ'גיבט צו עסן פאר די קינדער. (בוצינא קדישא אות מו).

זוֹכֶה זַיין אַז דַיינֶער דוֹרוֹת וֶועלְן אוֹיף בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ אוּן רֵיין.

**וֶוער וויל דֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ דֶער גוּטֶע רֶעצֶעפְּט וָואס דֶער הֵיילִיגֶע צַדִיקִים גֶעבְּן אוּנְז!**

## דֶער שְׂכַר פוּן הִיטְן כַּשְׁרוּת

**דֶער** וָואס הִיט זִיךְ אָפּ פוּן כַּשְׁרוּת, אוּן גִיבְּט אַכְטוּנְג צוּ עֶסְן נָאר כָּשֵׁר'ע מַאֲכָלִים, דֶער אִיז זוֹכֶה אַז פוּן הִימְל הֶעלְפְּט מֶען אִים אַז עֶר זָאל זַיין קֶענֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אוּן נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ עֶסְן מַאֲכָלִים וָואס זֶענֶען נִישְׁט כָּשֵׁר. חֲזַ"ל זָאגְן (חולין ה:) אַז בֵּיי מִידֵי דַאֲכִילָה, **אֵין הקב"ה מֵבִיא תַּקָּלָה לַצַּדִיקִים,** דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַז צַדִיקִים זָאלְן נִישְׁט שְׁטְרוֹיכְלְן, אוּן עֶסְן עֶפֶּעס וָואס אִיז נִישְׁט כָּשֵׁר.[ד]

**דֶער** אוֹר הַחַיִּים הַק' (ד"ה עוד ירצה) טַיְיטְשְׁ דָאס אַרֵיין אִין פָּסוּק (שם) **וְהִתְקַדִּשְׁתֶּם,** הֵיילִיג דִיךְ, גִיבּ אַכְטוּנְג וָואס דוּ נֶעמְסְט גֵיי אַרֵיין אִין מוֹיל, **וִהְיִיתֶם קְדוֹשִׁים,** אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא צוּ בְּלַייבְּן הֵיילִיג אוּן נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט נִישְׁט כָּשֵׁר'ע עֶסְן. **תַּעֲשׂוּ גְּדָרִים וּסְיָגִים לְבַל תִּטַּמְּאוּ,** מַאךְ דִיךְ דַיינֶע אֵייגֶענֶע גְּדָרִים אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט עֶסְן מַאֲכָלִים וָואס זֶענֶען נִישְׁט כָּשֵׁר, **וּבָזֶה אֲנִי מַבְטִיחֲכֶם תִּהְיוּ קְדוֹשִׁים,** אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ הַבְטָחָה צוּ בְּלַייבְּן הֵיילִיג.

**דֶער** אוֹר הַחַיִּים הַק' שְׁרַייבְּט וַוייטֶער (פסוק מד ד"ה עוד ירצה) **עוֹד אֲנִי מַבְטִיחֲךָ שֶׁלֹּא יְאֻנֶּה לְךָ כָּל מִין הָרַע,** אִיךְ בִּין דִיךְ מַבְטִיחַ אַז עֶס וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַּאסִירְן קֵיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס, **שֶׁבְּאֶמְצָעוּת שְׁמִירַת מִצְוָה זוֹ, לֹא יִשְׁלְטוּ עכּו"ם בְּעַם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, עַכּוּ"ם יִקָּרְאוּ שְׁרָצִים וּשְׁקָצִים הָרוֹמְשִׂים עַל הָאָרֶץ.** דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען וֶועט אָפְּהִיטְן דִי מִצְוָה אוּן נִישְׁט עוֹבֵר זַיין אוֹיף בַּל תְּשַׁקְּצוּ, וֶועלְן דִי גוֹיִם – וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן שְׁקָצִים וּרְמָשִׂים - נִישְׁט קֶענֶען הָאבְּן קֵיין שְׁלִיטָה אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער.[ה]

---

**ד.** עס ווערט פארציילט אויף הרה"ק ר' בונים מפרשיסחא זי"ע אז אמאל האט ער זיך געזעצט עסן א סעודה צוזאמען מיט זיינע חסידים, און מען האט אריינגעברענגט א זופ, ער האט געדרייט מיטן לעפל אהין און צוריק, אבער ער האט גארנישט אריינגענומען אין מויל. די חסידים האבן געזען ווי זייער רבי עסט נישט, האבן זיי אויך נישט געגעסן פונעם זופ. ווען מען איז נאכגעגאנגען איבער די כשרות פון די זופ, איז מען געוואויר געווארן אז די הינדל האט געהאט א שאלה. אלע האבן זיך געוואונדערט די אפענע מופת פון זייער רבי, אבער דער רבי האט זיי מסביר געווען אז עס איז בכלל נישט קיין מופת, אויב מען היט זיך אפ וואס מען עסט, ווערט מען נישט נכשל מיט מאכלים אסורים. (שיח שרפי קודש חלק א אות תצ).

**ה.** עס איז דא א שיינע רמז 'שמיני, שמונה, שמֵינה', אז ווען עס פאלט אויס די קביעות השנה אזוי ווי היי-יאר, קומט אויס אז מען ליינט פרשת 'שמיני' אכט 'שמונה' מאל איז עס מסוגל אויף א פעטע 'שמינה' יאר מיט גוטע השפעות. (ווערט געברענגט אין ספר הדרת קודש (עמוד נ"ג) בשם הרה"ק מנאסאד זצ"ל בשם דער שינאווא רב זי"ע).

# עֲבוֹדַת יְמֵי הַסְפִירָה - א'

☆ דִי הַשְׁפָּעוֹת פוּן פֶּסַח ☆ עַד שֶׁתֶּחְפָּץ - וָואס אִיז דִי חֵפֶץ? ☆ צֵיילְן סְפִירָה – הֲכָנָה פַאר קַבָּלַת הַתּוֹרָה ☆ יְמֵי הַסְפִירָה – חוֹל הַמּוֹעֵד

### דִי הַשְׁפָּעוֹת פוּן פֶּסַח

**מֶען** הַאלְט שׁוֹין כִּמְעַט צְוֵויי וָואכְן וָואס מִיר צֵיילְן סְפִירָה. עֶס אִיז אַ פַּאסִיגֶע צֵייט אַרֵיין צוּ טְרַאכְטְן אוּן זֶען וָואס אִיז אוּנְזֶער עֲבוֹדָה אִין דִי טֶעג.

**דִי** יְמֵי הַסְפִירָה אִיז נִישְׁט בְּלוֹיז טֶעג וָואס מִיר הָאבְּן דֶערִין אַ מִצְוָה וָואס מְ'אִיז מְקַיֵים אִין דִי אֵיינְצִיגֶע מִינוּטְן וָואס דִי מִצְוָה נֶעמְט[ו], נָאר דָאס זֶענֶען אַנְדֶערֶע סָארְט טֶעג, 'יְמֵי' הַסְפִירָה.

**דִי** סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים זָאגְן אַז נָאךְ יֶעדֶע הֵיילִיגֶע צֵייט וָואס מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין הַשְׁפָּעוֹת טוֹבוֹת, אִיז דִי עֲבוֹדָה פוּן אַ אִיד צוּ מַאכְן אַ כְּלִי אוּן אַ חֵפֶץ צוּ הַאלְטְן דִי הַשְׁפָּעוֹת וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען. מָשָׁל לְמָה הַדָּבָר דוֹמֶה, אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט נֶעבְּן אַ פְּלַאץ וואו עֶס גִיסְט לוֹיטֶערֶע רֵיינֶע וַואסֶער, אוּן עֶר וִויל שֶׁעפְּן דֶערְפוּן אַבִּיסְל וַואסֶער, אוֹיב עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין כְּלִי קֶען עֶר נִישְׁט מִיט נֶעמֶען אוֹיף וֵוייטֶער, עֶר קֶען בְּלוֹיז עֶפֶּעס כַאפְּן בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה, אָבֶּער כְּדֵי צוּ קֶענֶען מִיט נֶעמֶען דַארְף מֶען אַ כְּלִי, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אִין רוּחָנִיוּת, עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אֵיינְגֶעוואוֹינֶען צוּ מַאכְן אַ חֵפֶץ פַאר דִי הֵיילִיגֶע זְמַנִּים[ז].

**עֶס** אִיז בַּאקַאנְט דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער קְדֻשַּׁת לֵוִי (פרשת יתרו ד"ה פן יהרסו) בְּרֶענְגְט אַרָאפּ פוּן רַמְבַּ"ן (אמונה ובטחון פי"ט),

---

**ו.** חסידים הראשונים – און אזוי אויך איז היינט דא אידן – וואס זענען מאריך גאר לאנג אין די הייליגע מצוה פון ספירת העומר, און די תחנונים וואס מ'בעט דערנאך. עס איז אינטערסאנט צו באמערקן אז דער ערוך השלחן (סימן תפט ס"ו) – וואס ער איז פון די גדולי ליטא – שרייבט אז באמת איז נישט ראוי פאר סתם המון עם צו זאגן די זאכן וואס מ'זאגט נאך ספירה וואס עס איז עניני קבלה, אבער למעשה איז דער עולם שוין איינגעוואוינט עס צו זאגן "בהתפעליות הנפש"!

**ז.** עס איז באקאנט וואס דער הייליגער רבי אלימלך זי"ע זאגט (פרשת אמור) "להזהיר גדולים על הקטנים" אז דער סדר פון א איד דארף זיין מיטצונעמען פון די גרויסע טעג (גדולים) אויף די קלענערע טעג (קטנים).

עס קען זיין בלשון צחות אז "להזהיר" איז פון לשון זוהר (לייכטן) אז א מענטש דארף פון די גרויסע טעג "באלייכטען" די קלענערע טעג. יעדער האט אמאל טעג וואס ער וואלט זייער שיין באטיטלט אלס "פינסטערע" טעג, אלעס גייט אויפן וועג אראפ.. אבער א איד האט דער כח צו נעמען פון די ליכטיגע טעג, אן אור און א שיין אויף די שווארצערע טעג.

וִוי עֶר טַייטְשׁ דֶעם פָּסוּק אִין שִׁיר הַשִּׁירִים (ב ז) **אִם תָּעִירוּ וְאִם תְּעוֹרְרוּ אֶת הָאַהֲבָה עַד שֶׁתֶּחְפָּץ**, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט אַ הִתְעוֹרְרוּת פוּן אַהֲבָה, 'עַד **שֶׁתֶּחְפָּץ**' דַארְף עֶר מַאכְן דֶערְפוּן אַ חֵפֶץ, אַ כְּלִי, עֶר דַארְף אַרֵיינְלֵייגְן דִי הִתְעוֹרְרוּת אִין אַ לְמַעֲשֶׂה'דִיגֶע זַאךְ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווֶערְט אָנְגֶעוַוארֶעמְט עֶר בַּאקוּמְט אַ פְלַאם פֵייעֶרְדִיגֶע גֵייסְט, זָאל עֶר גְלֵייךְ אַרֵיין לֵייגְן דִי גַאנְצֶע אַהֲבָה אִין אַ מִצְוָה.

**מִיר** הַאלְטְן אַצִינְד נָאךְ דִי גְרוֹיסֶע טֶעג וָואס אִיז עֶרְשְׁט יֶעצְט פַּארְבֵּיי, דִי גֶעוַואלְדִיגֶע פֶּסַח'דִיגֶע אַטְמָאסְפֶער וָואס לָאזְט אִיבֶּער אַ גֶעוַואלְדִיגֶע רֹשֶׁם אוֹיף יֶעדֶער בַּאזוּנְדֶער, עֶס הָאט אִין זִיךְ אַזוֹי פִּיל פְּרָטֵי הַמִּצְוֹת, סִפּוּר יְצִיאַת מִצְרַיִם, מַצָּה, מָרוֹר, ד' כּוֹסוֹת, אוּן נָאךְ, אוּן צוּ דֶעם אַלֶעם דַארְפְן מִיר מַאכְן אַ חֵפֶץ, אַז דִי הַשְׁפָּעוֹת זָאלְן גֵיין אוֹיף וֵוייטֶער. כְּדֵי דִי הַשְׁפָּעוֹת זָאלְן נִישְׁט פַארְלוֹירְן גֵיין, פָאדֶערְט זִיךְ צוּ מַאכְן אַ כְּלִי וָואס זָאל קֶענֶען אַנְטְהַאלְטְן דִי הַשְׁפָּעוֹת.

### עַד שֶׁתֶּחְפָּץ – וָואס אִיז דִי חֵפֶץ?

**דִי** מִצְוָה פוּן סְפִירַת הָעוֹמֶר - דָאס אִיז בְּאֶמֶת דֶער כְּלִי אוּן דֶער וֶועג וְויאַזוֹי מִיר קֶענֶען מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע הַשְׁפָּעוֹת פוּן דֶעם יוֹם טוֹב. דוּרְךְ דֶעם וָואס מִיר צֵיילְן סְפִירָה, נֶעמֶען מִיר מִיט דֶעם יוֹם טוֹב, אוּן מִיר גְרֵייטְן זִיךְ אוֹיף קַבָּלַת הַתּוֹרָה, וָואס עֶס אִיז אַ הֶמְשֵׁךְ צוּ פֶּסַח אַזוֹי וִוי ס'שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שמות ג יב) **בְּהוֹצִיאֲךָ אֶת הָעָם מִמִּצְרַיִם תַּעַבְדוּן אֶת הָאֱלֹקִים עַל הָהָר הַזֶּה** קַבָּלַת הַתּוֹרָה אִיז אַ הֶמְשֵׁךְ פוּן יְצִיאַת מִצְרָיִם.

### צֵיילְן סְפִירָה – הֲכָנָה פַאר קַבָּלַת הַתּוֹרָה

**עֶס** אִיז בַּאקַאנְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם סֵפֶר הַחִנּוּךְ (מצוה שו) וָואס עֶרְקְלֶערְט דִי טַעַם הַמִּצְוָה פוּן סְפִירַת הָעֹמֶר וִוי פָאלְגֶענְד: דֶער גַאנְצֶע סִבָּה פַארְוָואס הַשי"ת הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אִיז נָאר **בִּשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל וּבִשְׁבִיל הַתּוֹרָה** צוּלִיבּ דִי אִידְן זָאלְן לֶערְנֶען אוּן מְקַיֵּים זַיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער גַאנְצֶע תַּכְלִית פַארְוָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם, כְּדֵי צוּ קֶענֶען גֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דֶערִיבֶּער וַוארְטְן מִיר אוּן מִיר טוּהְן לֶעכְצֶעֶנען נָאכְן הֵיילִיגְן תּוֹרָה, מִיר קוּקְן אַרוֹיס וֶוען וֶועט שׁוֹין אָנְקוּמֶען דֶעם גֶעהוֹיבֶּענֶע אוֹיסְדֶערְוֶוועלְטֶע טָאג, וָואס מִיר גֵייעֶן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, דֶערְפַאר צֵיילְן מִיר סְפִירַת הָעֹמֶר, צוּ אַרוֹיס וַוייזְן אוּנְזֶערֶע גֶעוַואלְדִיגֶע בְּרֶען אוּן תְּשׁוּקָה צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה.

**דֶער** לָשׁוֹן פוּן סֵפֶר הַחִנּוּךְ אִיז **כְּעֶבֶד יִשְׁאַף צֵל**, אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אוּנְטֶער אַ הֵייסֶע בְּרֶענֶעדִיגֶע זוּן, אוּן מַמָּשׁ עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶר הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, אוּן פוּן דֶערְוַוייטֶענְס זֶעט עֶר וִוי עֶס אִיז דָא אַ שָׁאטְן וִוי דָארְט גֵייט עֶר קֶענֶען קוּמֶען צוּ זִיךְ, אִיז דָאךְ פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ אַז עֶר קֶען קוֹים וַוארְטְן אָנְצוּקוּמֶען צוּ דֶעם פְּלַאץ, לְכָל הַפָּחוֹת אַזוֹי שְׁטַארְק דַארְף אַ מֶענְטְשׁ וַוארְטְן אוֹיף קַבָּלַת הַתּוֹרָה[ח].

---

**ח.** פארשטייט זיך אז ווי מער א מענטש ווערט העכער און נתעלה אין די תכלית הבריאה,

## יְמֵי הַסְפִירָה - חוֹל הַמּוֹעֵד

**דִי** אַלֶע סְפִירָה טֶעג צְווִישְׁן פֶּסַח אוּן שָׁבוּעוֹת דְרֵייט זִיךְ אַלְס אַרוּם צוּלִיבּ דֶעם הֵיילִיגְן תּוֹרָה, ווִי דֶער רַמְבַּ"ן (ויקרא כג לו) דְרוּקְט זִיךְ אוֹיס בְּנוֹגֵעַ דֶער שַׁיָיכוּת צְווִישְׁן דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, ווִי עֶר רוּפְט עֶס אָן "וְהַיָּמִים הַסְּפוּרִים בֵּינְתַּיִם הוּא **כְּחוֹלוֹ שֶׁל מוֹעֵד** בֵּין הָרִאשׁוֹן וְהַשְּׁמִינִי בְּחַג", מִיר זֶען פוּן דֶעם אַז דֶער רַמְבַּ"ן הָאט אָפְּגֶעלֶערְנְט אַז דִי סְפִירָה טֶעג, זֶענֶען ווִי חוֹל הַמּוֹעֵד דָאס מֵיינְט אַז עֶס צִיט זִיךְ אֵיין לַאנְגֶע שְׁטְרֶעקֶע פוּן צְוֵויי עֶנְלִיכֶע זַאכְן. ווִיבַּאלְד חוֹל הַמּוֹעֵד מֵיינְט, טֶעג וָואס זֶענֶען צְווִישְׁן צְוֵויי יָמִים טוֹבִים, עֶס פַּארְבִּינְדְט דִי עֶרְשְׁטֶער טֶעג יוֹם טוֹב פֶּסַח וָואס אִיז זְמַן חֵרוּתֵנוּ צוּ שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח וָואס אִיז אוֹיךְ זְמַן חֵרוּתֵנוּ, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז בַּיי דֶעם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אַז דִי טֶעג אִינְצְווִישְׁן פַּארְבִּינְדְן דִי עֶרְשְׁטֶער יוֹם טוֹב טֶעג מִיט דִי צְוֵוייטֶע יוֹם טוֹב טֶעג. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז צְווִישְׁן פֶּסַח אוּן שָׁבוּעוֹת, דִי טֶעג זֶענֶען פַּארְבִּינְדְן אֵיינְס מִיטְן צְוֵוייטְן, ווִיבַּאלְד דֶער גַאנְצֶע תַּכְלִית פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם אִיז דָאךְ גֶעוֶוען צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, קוּמְט אוֹיס אַז דִי טֶעג זֶענֶען צֵייטְן וָואס מְ'דַארְף זִיךְ גְרֵייטְן צוּ קֶענֶען רִיכְטִיג מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה.

---

אוּן ווי וויכטיג די תורה איז פאר אים, איז אים לייכטער אנצוקומען צו דער תכלית. דער חיד"א (אין מחזיק ברכה, או"ח סימן תצד) ברענגט בשם דער רמב"ם אז ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים האבן זיי געציילט די טעג, "און אפילו די שעות". ווייל דעמאלט האבן די אידן געלעבט אין גאר א הויכע מדריגה. וואס העכער דער מדריגה איז, אלס מער שטרעבט מען צו קבלת התורה!